"שפּראַך פֿון שפּראַכן״

לייב פֿייַנבערג (1969-1897)

"ביז גרייכן וועט די לעצטע הענט די קאַלטע
קאָן יִדיש אויפֿרייַסן דעם אוניווערס״ [אַרן לייעלעס]

אָ, מאַמע-יִדיש, שפּראַך פֿון שפּראַכן,
אָ, זיסער קלאַנג פֿון יִדיש ליד:
אין נעכט פֿון צער, אין טעג פֿון נחת
האָט ס׳פּראָסטע פֿאָלק דיך אויסגעשמידט.
ווי ס׳גאַרט אַ האַרץ נאָך גליק פֿאַרלאָשנס,
ווי ס׳חלשט גומען נאָך אַ טרונק,
האָט ס׳שטומע פֿאָלק געזוכט אַ לשון,
געלעכצט מיט פּלאַפּלדיקער צונג.
געבאָרגט אַ קאָרעץ מעל בייַ סלאַוון,
אַ טיפֿע מולטער בייַ דעם דייַטש,
און ס׳האָבן מאַמע-הענט שערשאַווע
פֿאַרקנאָטן ס׳טייג פֿון יִדיש-טייַטש.
און צוגעמישט צו רויע הייוון
אַ מעסטל האָניק פֿון תּנ״ך --
ווען אויפֿגיין וועט דאָס טייג אין אויוון,
זאָל זיס אויף גומען זייַן די שפּראַך.
פֿון ווערטער פּשוטע, ווי גראָשנס,
פֿון פּראָסטע, וואָכעדיקע רייד
ביסט אויפֿגעגאַנגען, יִדיש לשון,
ווי פֿריש, געראָטן היימיש ברויט.
דורך ויין און טרויער, טאַנץ און גילוי,
מיט באָרד, מיט מאַסקע און מיט טוך,
האָט ערשטער זינגמייַסטער דער _שפּילמאַן_,
געזונגען דיך אין _שמועל-בוך_.
נאָך ים, פֿון האַמבורג ביז ווענעדיג,
העברעיִש -- האַלב און חצי -- דייַטש,
געזונגען דיכטערס האָבן פֿריידיק
אַ מזמור שיר לעבֿרי-טייַטש.

יעקבֿ גלאַטשטיין (1971-1896)

רייד צו מיר ייִדיש, מײַן ייִדיש לאַנד,

און איך וועל צו דיר ריידן עבֿרית ממילא.
אַבֿרהם מיט שׂרהן קומען מיר אַנטקעגן
פֿון דער מערת-המכפּלה .
גאָט העלף, זיידע-באָבעשי!
אַבֿרהם גייט שווײַגנדיק די גאַס אַריבער.
- - נעם זיך ניט צום האַרצן, יאַנקעלע!
- - זאָגט שׂרה -- ער איז מבֿין כּל דיבור.
ס'איז אַזוי דאָ אָנגענומען.
אַ מאַנצביל דאַרף ייִדיש שטומען.
אָבער אַ ייִדענע פֿון ייִדישטײַטש
האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.
זאָג איך דיר גאָט העלף, מײַן קינד,
זאָלסט מיר אַל דאָס גוטס פֿאַרמאָגן.
גלייב מיר, יאַנקעלע, ס'וועט קומען אַ צײַט
אין חמישה-עשׂר-לאַנד פֿון ראָזשינקעס און פֿײַגן,
אַז אַלע עבֿרית-קינדער
וועלן אויפֿהערן ייִדיש שווײַגן.
און אַז זיי וועלן זיך צערײדן,
וועלן זיי, וועט אַ נחת זײַן צו הערן,
אַזוי וועט געשען, יאַנקעלע מײַן קינד,
אַ שבֿועה קען איך דיר שווערן.
דער זיידע אבֿרהם, פֿון יענער זײַט גאַס,
ווינקט צו מיר און פֿאָכעט מיט דער פֿאַטשיילע.
אָ, רייד צו מיר ייִדיש, מײַן ייִדיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר ריידן עבֿרית ממילא.

"ייִדיש"

קעהאָס קליגער (1985-1904)
ייִדיש, ייִדיש איז מײַן שפּראַך,
רייד איך, שרײַב איך יעדע זאַך
אויף טאַטע-מאַמעס לשון.
אַך, ווי האַרציק און ווי שיין

און ווי פשוט צו פֿאַרשטיין
איז טאַטע-מאַמעס לשון.
ייִדיש, ייִדיש איז מײַן שפּראַך,
בײַ זעג און האַמער -- יעדן פֿאַך
הילכט מײַן פֿאָלקיש לשון.
סטרינגעוועט דער שנײַדער נעט
און זײַן ליד שרײַבט דער פּאָעט
אין מײַן זאַפֿטיק לשון.
ייִדיש, ייִדיש איז מײַן שפּראַך,
אפֿילו ווען איך וויין און לאַך
טו איך עס אויף ייִדיש.
אַלץ וואָס בײַ טאָג איך טראַכט
און אַלץ וואָס איך טרוים בײַ נאַכט
איז ווידער נאָר אויף ייִדיש.
איז פֿאַר ייִדיש -- אונדזער שפּראַך,
לאָמיר אַלע שטיין אויף וואַך
און קעגן אַלע שׂונים.
זי וועט לעבן נאָך אַ סך
לאַנגע דורות אונדזער שפּראַך --
צו להכעיִס אונדזער שׂונים.
"אין ייִדישן וואָרט"

דוד האָפֿשטיין (1952-1889)
אין ייִדישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער,
איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿײַער,
אַז ווינטן וואָס ציִען אויף וועלטישע ברייטן באַראָטן,
ניט קענען פֿאַרבלאָזן זײַן גליִענדן אָטעם,
און אַשן פֿון תּקופֿות ניט קענען זײַן צונטער פֿאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקייט פֿון בלויען.
אין ייִדישן וואָרט, וואָס איז אָקערשט אַרויס פֿון די צוואַנגען,
וואָס אומרויִק זוכט זיך נאָך פֿעלדער און סטעפּעס,
איז פֿאַראַן שוין די זיכערע רו און די ברייטקייט פֿון עפּאָס.
און ניט נאָר בײַ הייליקע שומרים -- אין וואָרט בײַ די פּשוטע היטערס,
הערט זיך דער אָנהייב פֿון שטאָלצע געזאַנגען פֿון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף נונטערע קלאַנגען פֿון שײַער --
אין ייִדישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער....

"ייִדיש"

מאַני-לייב (1953-1883)
די וועלט איז פֿול מיט ריידן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך,
און יעדער אויף זײַן שטייגער,
און יעדער אויף זײַן שפּראַך.
דער וואָלקן רעדט מיט דונער,
די זון מיט פֿײַערפֿלאַם ;
דער וואַלד מיט גרינעם רוישן,
מיט ברויזן רעדט דער ים.
מיט ברומען רעדט די חיה,
דער פֿויגל -- מיט געזאַנג ;
מיט פֿליסטערן -- די קוואַלן,
מיט שאָרכען רעדט די זאַנג ;
מיט אַלע טויזנט פֿאַרבן
און ריחות רעדט די בלום ;
דאָס פֿליגעלע די מינדסטע
רעדט אויך מיט איר געזשום.
דער מענטש נאָר מיט זײַן חכמה --
פֿון אַלעמען די קרוין --
ער רעדט מיט יעדנס לשון,
אויך פֿונעם שטיין פֿון פלוין.
אויף זיבעציק לשונות
פֿאַרשטייט דער מענטש און רעדט,
וואָס נאָר עס הערט זײַן אויער,
וואָס נאָר זײַן אויג דערזעט.
און ווו אַ פֿאָלק מיט מענטשן,
איז דאָ אַ שפּראַך בײַ זיי :
אין ענגלאַנד רעדט מען ענגליש,
און רוסיש אין ראָסיי ;
אין שפּאַניע רעדט מען שפּאַניש,
כינעזיש אין קיטײַ,
וואָלאָכיש אין וואָלאָכיע,
און טערקיש אין טערקײַ.
און ייִדן -- ריידן ייִדיש
אין אַלע עקן וועלט,
ווו נאָר אַ ייִד אין פֿרידן
שטעלט-אויף זײַן רו-געצעלט,
און ייִדן ריידן ייִדיש,
און ייִדיש איז דאָך שיין,
און גרינג אַ צווייטן ייִדן

פֿאַרשטייט ווי זיך אַליין.

"מאַמע-לשון"

משה נאַדיר(1943-1885)
ניין, איך בין קיין קרובֿ ניט
פֿון כּהנים און נבֿיאים:
מייַן שפּראַך האָט שווער געהאָרעוועט
אין פֿישגעסל פֿון ווין.
מייַן ליד -- עס טראָגט קיין גלעקלעך ניט,
קיין שליפֿעס און קיין קרייגן
איך טראָג אין פּראָסטע פּעקלעך מיט
מייַן מאַמעדיק פֿאַרמעגן.
איך שרייַב מיט שטיקער לופֿט אויף טאָג
און קלאָר ווי אַ גוט-מאָרגן,
און ווער עס דאַרף, און ווער עס וויל --
זאָל קומען און זאָל באָרגן.

"ייִדיש"

מלך ראַוויטש (1976-1893)
באַלאַנגען באַלאַנג איך צו דעם מ-הארץ,
שרייַבן קען איך נישט קיין לאָקשן-קדוש,
ריידן רייד איך מיט דעם פּראָסטן לשון
פֿון די אַמעראַצעם.
און מייַן טאַטע איז זיך סתּם אַ ייִד, אַ גראָבער יונג,
אַ בטלן פֿון בטלנים-לאַנד,
אַ וואַלד-סוחר, אָבער גאָר אַ שלעכטער סוחר,
אַ גליק, וואָס כאָטש איך בין אַ דיכטער --
האָב איך מיט די קפּצנישע מסחרים זייַנע
נישט געמאַכט איין האַנט.
און איך אַליין בין יאָרן לאַנג ערגעץ ווי פֿאַרוואָרפֿן:

צען שעהען אין אַ טאָג אין דעם פּרנסה-יאָך געשפּאַנט;
צוויי שעהען אין דער נאַכט בין איך אַ דיכטער
און האָב דיר אַזאַ כּוח אין די גראָבע הענט,
צו טאַנצן אויף די דינסטע סטרונעס מיט די דינסטע טענער,
און צו זבענקען אויף די גרעבסטע סטרונעס מיט די גרעבסטע קולות:
אָט אַזוי ווי אַלע דיכטערס;
כאָטש שרייַבן שרייַב איך נישט קיין לשון-קדוש,
ווייַל די פֿייַנקייט האָב איך פֿייַנט בתּכלית-שׂינאה מין השׂינאה.
מעגסט חכם-העברעיִסט בייַ אָט די ווערטער
פֿאַרציִען דייַן זויערסטע מינע!
און זייַן בין איך, בייַם טיש פֿון מייַנע גוטע ברידער,
אַ גאַנצער איחסן און אַ גאַנצער פּריץ:
איך בין דער דיכטער פֿון דעם מ-הארץ!
[1919]

"ייִדיש״

אַברהם סוצקעווער (1913-)
זאָל איך אָנהייבן פֿון אָנהייב?
זאָל איך ווי אייוורהאָהאָם
אויס ברודערשאַפֿט צעהאַקן אַלע געצן?
זאָל איך זיך אַ לעבעדיקן לאָזן איבערזעצן?
זאָל איך אייַנפֿלאַנצן מייַן צונג
און וואַרטן ביז פֿאַרוואַנדלען
וועט זי זיך אין בֿותדיקע
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען?
וואָס פֿאַר אַ קאַטאָוועסדיקע
וויצן
דאַרשנט מייַן פּאָעזיע-ברודער מיט די באַקנבאַרדן,
אַז מייַן מאַמע-לשון גייט באַלד אונטער?
מיר וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום דאָ קענטיק זיצן
און פֿירן די דיסקוסיע בייַ דעם אירדן.
ווייַל אַ שאלה נאָגלט און נאָגלט:
אויב ער ווייס געווי ווּ
די תּפֿילה פֿון בערדיטשעווער,
איהואשעס ליד

און קולבאַקס
וואָגלט
צו דעם אונטערגאַנג --
טאָ זאָל ער מיר, אַ שטייגער,
אָנווײַזן _וווּהין_ די שפּראַך גייט-אונטער?
אפֿשר בײַ דעם כּותל-מערבֿי?
אויב יאָ, וועל איך דאָרט קומען, קומען,
עפֿענען דאָס מויל,
און ווי אַ לייב,
אָנגעטאָן אין פֿײַערדיקן צונטער,
אײַנשלינגען דעם לשון וואָס גייט-אונטער,
אײַנשלינגען און אַלע דורות וועקן מיט מײַן ברומען!
[1948]

"מאַמע-לשון״

מענדל טאַבאַטשניק (1975-1894)
געכאָוועט האָט מײַן מאַמע מיך,
געניאָנטשעט און דערצויגן,
ס׳האָט דער שווערער לעבנסיאָך
איר רוקן אויסגעבויגן.
זי האָט פֿאַרוויגט מיך מיט געזאַנג,
מיט לידער שטיל, אין ייִדיש,
מיט מאַמע-לשון מיך געפֿלעגט --
צי דען איז עס אַ חידוש?
האָב איך אײַנגעזאַפּט אין זיך,
דורך טעג און לאַנגע יאָרן,
מײַן מאַמעס ניגון ציטעריק --
די שפּראַך פֿון מײַן געבוירן.
און ווי אַ זכר האַלט איך איצט
אָט די ירושה טײַער --
מײַן מאַמעס אַלטע מוטערשפּראַך,
וואָס געלײַטערט איז אין פֿײַער ...